בס"ד

# עונג שבת

## פרשת וישב תשע"א

**גוט שבת אלע אידן.** הרב ישראל דוב "בערל" לעפקאוויטש (זיין עכטע נאמען) איז געווען א דאקטאר און א תלמיד חכם וואס האט געקענט גאנץ משניות בעל פה. ווען ער פלעגט באהאנדלען דעם סאטמאר רב זצ"ל האט ער אים מהנה געווען מיט זיין קענען זאגן אבי' וועלכער משנה וואס דער רב זצ"ל פלעגט דערמאנען. ווען בערל איז געווען א בחור אין יוראפ האט ער זוכה געווען צו זיין א תלמיד פון עטליכע באקאנטע תלמידי חכמים, למשל דער אונסדארפער רב ר' שמואל ראזענבערג ז"ל, דער ברעזשאנער רב ר' שלמה מרדכי שוואדרון ז"ל און אויך ביי רבי עקיבא סופר ז"ל, וואס איז געווען אן אור–אייניקל פונעם הייליגן חת"ם סופר זי"ע.

אין די צייטן פון דעם ערשטען וועלט קריג אין די יאר תרע"ד איז בערל אריינגענומען געווארן אין דעם אסטרוי–אונגארישע ארמיי. ער האט זייער שטארק מצליח געווען אין מיליטער און ער איז געווארן אן אפיצער. איין טאג, אין מיטן א שווערן קריגעריי איז בערל געווארן געפאנגען אין א גרוב פול מיט וואסער. ער איז געבליבן אין דעם גרוב פאר צוויי וואכן! מיט נסים האט ער איבערגעלעבט די מלחמה. די רעגירונג האט געהאט אזא שטארקע הכרת הטוב פאר בערל אז זיי האבן אים פארגעשלאגען צו שטודירען א פאך אומזיסט, אדער צו ווערן אן אדוואקאט, אן אינדזאניר, אדער א דאקטאר. ער האט זיך מיישב געווען אז ער וויל ווערן א דאקטאר, ווייל דעמאלט אין די יארן זענען געווען זייער ווייניג פרומע דאקטוירים אין יוראפ.

אין מיטן די תרפ' יארן האט ער שוין געעפענט א דאקטאר'ס אפיס אין די שטאט קודזשיצעה, טשעכעסלאוואקיי. איין טאג, איז ער ארומגעגאנגען אין די שפיטאל אין דעם שטאט, צו באזוכן די קראנקע וואס זענען געליגן דארט. פלוצלינג איז געקומען צו לויפן צו אים א איד וואס איז געווען זייער פארזארגט.

"דר. לעפקאוויטש," האט יענער אנגעהויבן. "ביטע העלפט מיין טאכטער. זי איז א כלה און זי דארף חתונה האבן אין די קומענדיגע וואך. לעצטע וואך פרייטאג האט זי אראפגעשלינגען א פיש ביין און עס איז געבליבן שטעקען אין איר האלז! די דאקטוירים ווילן איר אפערירן מארגען. אבער איך האב מורא אז עס וועט בלייבן א שראמע (סקאר) אויף איר האלז אין די פלאץ פון דער אפעראציע. ווי אזוי קען א כלה קומען צו אירע חתונה מיט א שרעקליכע שראמע?!? ביטע זעה וואס דו קענסט טון. אפשר קענסטו ארויסנעמען דעם ביין אן אנדערע וועג?!?"

בערל האט פראבירט צו בארוהיגען דעם טאטען. בערל האט אים געזאגט אז ער וועט אלעס טון צו קענען העלפן דעם מיידל. ווען ער איז אריינגעגאנגען אין דעם צימער האט ער געזען ווי דאס מיידל ליגט שטיל, אירע אויגן רויט פון וויינען אסאך. "מזל טוב," האט בערל אנגעוואונטשן, דער אייבערשטער זאל העלפן אז מען זאל זוכה זיין צו בויען א בית נאמן בישראל!" "ברוכים תהיו," האט זי געזאגט שטילערהייט.

פאר א לאנגע צייט האט בערל פראבירט צו זען אויב מען קען עפעס טון, אבער ליידער איז ער געקומען צו דעם זעלבען מסקנה ווי די אנדער דאקטוירים, ד"ה מען מוז מאכן אן אפעראציע און עס וועט זיין א שראמע. דער טאטע פונעם מיידל איז געווארן נאך מער צובראכן.

שפעטער אינעם טאג איז בערל געגאנגען דאווענען מנחה – מעריב מיטן סטראפקאווער רבי ר' אברהם שלום האלבערשטאם, ז"ל. צווישן מנחה און מעריב איז אריינגעלאפן יענער טאטע און ער איז גלייך געגאנגען צום רבין. יענער האט גלייך אנגעהויבן צו וויינען שטארק. "רבי, ביטע העלפט מיין כלה!"

דער רבי האט אוועקגעשיקט די פארזאמעלטע עולם מיט זיין האנט, כדי צו קענען רעדן מיט דעם צובראכענעם איד פריוואטערהייט. דער רבי איז געווארן שטיל און ער האט אנגעהויבן צו טראכטן. בערל האט אלעס אנגעקוקט. ער האט געוואוסט אז מען מוז מאכן די אפעראציע, וועגן דעם האט ער געווארט צו הערן וואס דער רבי וועט זאגן.

פלוצלינג האט דער רבי געזאגט צום טאטען אז ער זאל זיך נאך מער דערנענטערן צו אים. דאן האט דער רבי געזאגט צו אים שטילערהייט, "נעם אפאר אידן מיט דיר... און גיי צוריק צו די כלה'ס בעט און זאג "ננעצתא כמחט, ננעלתא כתריס, שייא שייא" ד"ה "דו ביסט אריינגעשטאכן אזוי ווי א נאדל, דו ביסט פארשפארט אזוי ווי א תריס (א לאדן) גיי אראפ, גיי אראפ."

בערל איז געווארן איבערראשט. עס איז נישט געווען קיין וועג אין די וועלט צו ארויסנעמען דעם ביין אן קיין אפעראציע. דער רבי האט געוויזן צו בערל אז ער זאל זיך דערנענטערן. "בערל, ברענג אהער א מסכת שבת." ווען בערל איז צוריקגעקומען צו אים מיט די גמרא, האט דער רבי אויפגעמישט צו דף סז עמוד א' און ער האט געוויזן בערל די ווערטער פון די גמרא. דארט רעדט די גמרא וועגן רפואות שלא על פי דרך הטבע. און די גמרא זאגט אז צו איינעם וואס האט א פיש ביין אין זיין האלז זאל מען זאגן די אויבערדערמאנטע נוסח.

בערל איז געווען זייער מסופק, אבער ער האט נישט געוואלט רעדן קעגן דעם רבי'ן. שפעטער נאך מעריב איז טאקע אריבערגעגאנגען מיטן טאטען א גרופע אידן פונעם בית מדרש צום שפיטאל און זיי האבן געטון אזוי ווי דער רבי האט געהייסן. ביז די נעקסטע טאג אינדערפרי איז דאס ביין לויז געווארן און עס איז ארויסגעקומען אן קיין אפעראציע! קיינער האט עס נישט געגלייבט אין דעם שפיטאל. בערל איז מורא'דיג נתפעל געווארן. יארן שפעטער ווען ער האט שוין געוואוינט אין אמעריקע, האט בערל געלערנט הלכות ביקור חולים (יורה דעה סימן שלו) דארט שרייבט רבי עקיבא אייגער אז דער מהרי"ל זאגט אז עס איז אסור צו פריוועך די רפואות וואס זענען דערמאנט אין די גמרא ווייל וויבאלד אז מענטשן זענען נישט בקי אין די זאכן, גייען זיי זיכער נישט מצליח זיין און דעמאלט וועט מען לאכן פון די חכמים און חוזק מאכן פון זייערע ווערטער. גאר נישט מעג מען נישט טון חוץ פון די עצה וועגן א פיש ביין אין דעם האלז. די לחש האט מען גוט חוקר געווען און עס איז יא געפרואווט געווארן. וועגן דעם איז נאר די לחש מותר, אבער נישט קיין אנדערע!"

מען זעט די וואך אין דער פרשה ווי אלע גוים האבן ארויפגעקוקט אויף יוסף הצדיק אין מצרים. יוסף איז געווארן דער הויפט מענטש אין פרעה'ס הויז. דאס איז א מציאות וואס וועט זיך איבער'חזר'ן דוריך די לאנגע היסטוריה פון כלל ישראל אין גלות, ד"ה די גויאישע הערשערס האבן אייביג זיך פארלאזט אויף אידן. פאר וואס? ווייל אידן האבן די חכמה פון די הייליגע תורה. אפילו די גוים להבדיל האבן זייער חוכמה'ס, איז עס גארנישט קעגען די סודות וואס ליגן אין די גמרא. מיר זען דעם ענין אין אונזער מעשה, ווי דאס מיידל איז אויסגעהיילט געווארן דורך דעם לחש פונעם גמרא, וואס מיר קענען נישט פארשטיין על פי שכל. לאמיר אלע זיך פרייען אז מיר זענען אידן און מיר האבן אונזערע הייליגע חכמים און הייליגע תורה וואס פירן אונזערע לעבן. **גוט שבת אלע אידן.**

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

**מבצע פאר'ן נייען יאר: לעש אויס דעם סעלפון פאר'ן אריינקומען אין שול, כדי עס זאל נישט שטערן דעם דאווענען!**